# Abba Hillel Silver Collection Digitization Project

Featuring collections from the Western Reserve Historical Society and
The Jacob Rader Marcus Center of the American Jewish Archives

**MS-4787: Abba Hillel Silver Papers, 1902-1989.**
Series I: General Correspondence, 1914-1969, undated.
Sub-series A: Alphabetical, 1914-1965, undated.

| Reel | Box | Folder |
|---|---|---|
| 85 | 30 | 1859 |

Zionist Organization of America, Frisch, Daniel, 1946-1947.

**Western Reserve Historical Society**
10825 East Boulevard, Cleveland, Ohio 44106
(216) 721-5722
wrhs.org

**American Jewish Archives**
3101 Clifton Avenue, Cincinnati, Ohio 45220
(513) 487-3000
AmericanJewishArchives.org

September 6, 1946

Mr. Daniel Frisch
300 Central Park West
Apt. 2K
New York, N. Y.

My dear Dan:

I thought that you would be interested in the enclosed letter which I received from the Dutch Group of General Zionists. Have you any suggestions?

With all good wishes, I remain

Most cordially yours,

AHS:GR
Enc.

WRHS
AMERICAN JEWISH ARCHIVES

ההסתדרות הציונית של ארצות הברית

# ZIONIST ORGANIZATION OF AMERICA

November 6, 1946

Dr. Abba Hillel Silver
The Temple
Cleveland, Ohio

Dear Dr. Silver:

The enclosed article printed in the Jewish Spectator as well as the letter written by Dr. Trude Weiss-Rosmarin are self-explanatory.

Dr. Rosmarin is not only one of the most capable and colorful pen personalities in Jewish life, but also a true friend of the cause of yours and mine.

Affectionately yours,

Dan Frisch

Daniel Frisch

DF:ab

P.S. Please return the letter to me.

November 11, 1946

Mr. Daniel Frisch
Zionist Organization of America
41 E. 42nd St.
New York, N.Y.

My dear Dan:

Thank you for your thoughtfulness in sending me a copy of the "Jewish Spectator" and the letter of Dr. Trude Weiss-Rosmarin. After the compliment paid to you on your article, "Jewish Education in America," I am afraid that I will have to read it...

I am looking forward with pleasure to seeing you next Wednesday at the meeting of the Administrative Committee.

With all good wishes, I remain

Most cordially yours,

AHS:BK

WRHS ARCHIVES

January 10, 1947

Mr. Daniel Frisch
300 Central Park West
New York City

Dear Dan:

As long as I haveundertaken the new "headache" called "Confederation of General Zionists", I may as well start enjoying it without delay, and asking my colleagues to share the headache with me. Actually, I believe that a worthwhile job can be done if we all pitch in.

I had lunch the other day with Mr. Reznikoff of Mexico. He is the most energetic Zionist worker in the Latin-American countries. I persuaded him to give up the idea of an over-all Zionist organization including all the parties, and to concentrate onthe establishment of a General Zionist Organization in Mexico and in other Central American countries on the same pattern as the ZOA here. He also agreed to raise a substantial fund for General Zionist work in Palestine.

While in Paris, I arranged with Sam Segal to start working on a brochure setting forth the aims, accomplishments and needs of the Confederation. I asked Mr. Sterustein to start working on that kind of material here. Mr. Karpman fortunately has a lot of material with him and, of course, his own personal knowledge of the field will be very helpful. He will be glad to work with Mr. Sternstein.

The general pattern of activity will have to be discussed at our meeting. The important thing immediately is to have someone available at my side to act as the executive secretary. Without such a person very little is going to be accomplished.

It seems to me that the presence of Mr. Karpman here could be extremely helpful. His firsthand knowledge of the situation in Palestine, his ability to speak Yiddish and the fact that he is himself a young man representing the Haoved Ha Zioni are credentials in his favor. If he lacks all the organizational technique which may be called for, since he is not fully familiar with the American scene and American methods, we shall be glad to guide him, and I am sure he will accept all of our suggestions along these lines.

Considering all the circumstances, I feel strongly that Mr. Karpman ought to remain here to work with me at least for the next six to eight months in order to give this thing a start. If we were to look around for a new person now, we would probably lose three or four months looking, and then we might not find the person who is properly qualified. One great advantage that he possesses is that he represents the Yishuv itself and can speak with firsthand authority about its work. As you know, he has already contacted a number

of Zionist groups here, and I believe that these contacts will produce results.

I would appreciate it ever so much if you would give him a little time and let him tell you about some of the things he has done. There is one project in particular, which it seems to me, holds promise. He will tell you about it.

I have one suggestion and request to make, namely, that an additional amount of $1000 be made available to him for use during the next two months. He already has office space and part-time secretarial help and a small budget for traveling, thanks to you, Dr. Neumann and Dr. Marks; but now that his work is expanding, he will need more funds.

Since Dr. Silver, Dr. Neumann and you appreciate so well the difficulties of the task which I have undertaken, I am sure that you will do everything possible to provide me with the necessary tools, first of which is of course manpower.

Before the next meeting of the Executive, Ihope that three or four of us may meet and discuss the larger plan of budget, organization, etc., but in the meantime, I would like Dr. Karpman to have the indispensable modest means with which to do whatever needs to be done right away.

In another week or so, I hope to call a meeting of the ZOA-Hadassah representatives on the Executive Committee of the Confederation.

Cordially yours,

Dr. Israel Goldstein

ZIONIST ORGANIZATION OF AMERICA • 41 EAST 42nd STREET • NEW YORK 17, N. Y.

# MEMORANDUM

TO: Dr. Abba Hillel Silver

DATE: January 17, 1947

FROM: Dahiel Frisch

SUBJECT:

Kindly be informed that from October 1, 1946 up to January 15, 1947 we have spent in excess of $350,000 for organizational expenses and we have on hand approximately $110,000, $50,000 of which is derived from the Washington Building and other special accounts.

Up to now, we have collected for about 75,000 members as well as about $60,000 Expansion Fund monies in excess of the balance we carried over from last year. This does not include about $31,000 in the Special Fund against which was drawn todate $3,500 leaving a balance of about $27,500.

I also wish to remind you about the Sugarman matter. It requires prompt, effective and conclusive action.

Perhaps I shouldn't say it but I am very much disturbed about the London picture although I feel reassured by the fact that Emanuel is there and by the thought that you are keeping your finger on the pie ( I hope).

I think that we must guard against violating the Congress resolution pertaining to attandance in London with special reference to public announcements which seem to tell the story of our attendance without actually saying that we are attending. To my mind, it puts those who fought against going to London "unless conditions change" in a very sensitive light.

I heard something about the likelihood of your leaving for London. Should such a situation come to pass, I would appreciate it very much if you would contact me wherever I may be, prior to your departure. The office will know of my whereabouts.

From all indications, Goldstein and the officers will be elected at the joint meeting of the Funds on Monday afternoon which will enable the Executive, at its meeting that evening, to act as a platform for bringing this matter to the attention of the country in its proper form.

Good luck!

DF:dh

F | Frisch

3,00 C. P. W.

COPY

June 17, 1947

Mr. S. Swislocki
107 Ben Yehuda
Tel Aviv, Palestine

My dear Swislocki:

Your most interesting letter reached me in due time and I enjoyed reading it very much. The reason I did not answer any sooner was due to the fact that I was traveling through the country and was not in New York.

I can only repeat in answer to what you say as regards the Confederation as well as the newspaper business that due to our own Convention I can hardly tell you what to do.

Such things are not decided by correspondence in the first place, and I am afraid that not until such time when either Silver, Neumann or I get to Palestine will we be able to make some intelligent decision in the matter.

This also hold true about an office in Palestine for the Zionist Organization of America.

With best of good wishes, I am

Most cordially yours,

Daniel Frisch

28.5.1947 ,תל-אביב
1/6

ליבער פריינד !

ענטשולדיקט וואס איך האב ביז איצט נישט געשריבען. אין די לעצטע וואכען
האט עס דאך יעדען טאג געהייסען, אז היינט-מארגען פאהרען מיר קיין נוי-יארק.
אויסגעפירט האט אבער מפא"י און די זיצונג איז נישט פארגעקומען, כאטש עס
שטעלט זיך היינט ארויס אז אין דער צייט צווישן 28 מאי - 5-טען יוני האט
מען רוהיג געקענט אפהאלטען די זיצונג ביי אייך. א שאד ווייל ווען די זיצונג
זאל געווען פארקומען, וואלטען מיר אפשר נישט געווען געהאט די אומגעלומפערטע
רעדע פון ב.ג. מיט עטליכע טעג צוריק, א רעדע, פאר וועלכער איך האב מורא
אז מיר וועלען זעהר טייער באצאלען. ווי אזוי דער איד איז געקומען צו
אזעלכע געדאנקען דוקא נאך דער זיצונג פון או"ם און נאך דער רעדע פון גראמיקא,
פארשטיי איך נישט.

איך האלט צוואר נישט אז גראמיקאס רעדע ברענגט אונז די גאנצע ישועה אבער
(שיין) זי איז, דאכט זיך מיר, פון גרויסער באדייטונג פאר אונזער גאנצער פאליטיק
צוליב צוויי סיבות: 1) זי נעמט אוועק ביי ענגלאנד דעם ארגומענט אז מען קען
נישט געבען גארנישט די יודען, ווייל דאדורך שטופט מען די אראבער אין
געגנערישען לאגער ארייין און 2) זי מאכט עס אונז לייכטער צו רעדען צו
דער וועלט פון די אנגלא-סאקסען קלארע דיבורים. די אבות הציונות האבען
ארויסגעבויט דעם ציוניסטישען געדאנק הויפטזעכליך אויף 2 טעזען, די איינע,
אז דאס אידישע פאלק קען נישט זיין אין גלות ווייל עס האט נישט די מעגליכקייט
דארט צו עקזיסטירען און די צווייטע, אז נאר די נאציאנאלע אידישע באוועגונג
קען אפהאלטען די אידען פון פארוואנדעלט ווערען און (נישט) אקונסטרוקטיווען כח און
דער גאנצער וועלט. דערפאר האבען זיי געזאגט זענען אין ציוניזם פאראינטערעסירט
גלייך מיט די אידען אויך נישט אידישע פעלקער און ער ווערט אזוי ארום א
אונטערנאציאנאלע פראגע.

די ערשטע טעזע איז לײדער אין די לעצטע יארען הונדערט-פראצענטיג
באשטעטיגט געווארען. דער בולטס'טער באווייז אז אידען קענען נישט לעבען אין
גלות, איז דאך דער, אז מען האט זיי פשוט אויסגעהרגעט אין פיעלע מיליאנען.
וואס שייך די צווייטע טעזע, זענען, דאכט זיך, פעלקער פין דער וועלט נישט
פאראינטערעסירט אז זי זאל חלילה אויך פארווירקליכט ווערען. דאס דארף אינזער
פאליטיק קענען ענטשפרעכענד פארמולירען און אויסדריקען, נאטירליך, בלויז
אין געשלאסענעם קאבינעט אין געשפרעכען מיט די וואס ענטשיידען, ווייל אז
אויב נאך 30 יאהר באלפור-דעקלעראציע און נאך די אלע אנפענגע פון ענטוויקלונג
אין ארץ-ישראל מוז קומען א געוואלדיגער יאוש ווען דער עגין ווערט אזוי גאנץ
פשוט איינמיטען אפגעהאקט דאס מוזען אויך גוים פארשטיין. איך ערווארטע אז
די גרופע ציוניסטישע עסקנים ארום סילווער'ן אין אמעריקא וועלכע ענטוויקעלט
זיך לעצטענס וואס אמאל מעהר צו דעם שרעכער פין דעם פולען אין ריינעם
ציוניסטישען געדאנק וועט פארשטיין ווי אזוי דעם ענין צו פארמולירען. עס
פארלאנגט מוט דערצו. אין א געוויסען זין איז עס אפשר א וואגניס אבער דאכט
זיך מיר, אז מיר נעהנטערען זיך א תקופה ווי אויך מיר וועלען מוזען קלאר
פארמולירען אינזער שטעלונג אין דעם גרויסען געראנגעל אין וועלכען די וועלט
געפינט זיך איצט.

איך וויל נישט מעהר מאריך זיין אין דעם ענין, ווייל איך פארשטיי אז ווען
איהר ווילט לעזען בריוו פון מיר איז עס נישט צוליב פאליטישע עצות.

מיינע ווייטערע אויספירונגען וויל איך טיילען אין 2 חלקים 1) בעטראכ-
טונגען און 2) אינפארמאציע.

בעטראכטונגען: מיר דא און איהר דארטען אין אמעריקא זענען פאראינטערעסירט
אויסצובויען א וואס-מעגליך שטארקע אלגעמיין-ציוניסטישען כח אין א"י. אז
דאס איז נישט לייכט, ווייסען מיר. שליסליך עפעס מוז דערין שטעקען וואס
אין משך פין אלע יארען איז אונזער כח דוקא דא אזא שוואכער. צו ערראבערען
מאסען קען א פארטיי פרובען אין צוויי דרכים א) דורך פאליטישע לאזונגען
מיט וועלכע זי אונטערשיידערט זיך פון אנדערע פארטייען, צווייטענס; דורך
קאנסטרוקטיווער ארבייט א דאנק וועלכער די מאסען זעהען אין איהר א
שעפפערישען כח און זאמלען זיך ארום דער פארטיי. די רעוויזיאניסטען האבען
געבויט הויפטזעכליך אויף דעם פאקטאר 1 איף זייענע נכשל געווארען. די
לינקע האבען געבויט הויפטזעכליך אויף דעם פאקטאר 2 און האבען מצליח געווען.
היינט צו טאג זענען מיר, אלגעמיינע ציוניסטען, ווייט דערפין צו בילדען
א אמת איינהייטליכע גרופע אין פאליטישען זין. עס דארף שוין ביי אינז זיין
אזוי שלעכט ווי עס איז געווען אין די וואכן צווישען קאנגרעס אין דער
לאנדאנער קאנפערענץ אז עס זאל נישט קומען צום אויסדרוק די חלוקי דעות
וועלכע זענען געווען אויפ'ן קאנגרעס. ביי דער קלענסטער בעסערונג פון
דער לאגע וועלען דאך ווארשיינליך די חלוקי דעות ווידער ארויסקומען. צוליב
דעם אבער האט דער אל.געמיינער ציוניזם נישט קיין גרויסע מעגליכקייטען צו
זיין פאר די מאסען די פאליטישע אטראקציע. דאס האט שוין דער פריערדיגער
"ברית ציונים כלליים" גיכער קענען זיין. היינט ווען איך האב אין איין
ארגאניזאציע אי סילווער אי גאלדמאן, אי ניומאן אי בראדעצקי איז דאך קלאר

אז מיט דעם כח פון דער פאליטישער פארטײ אליין װעלן מיר קײן גרױסע מאסן דא אין לאנד נישט קענען עלעקטריזירן. בלײבט די קאנסטרוקטיװע ארבײט. אלס "ברית ציוניים כלליים" האבן מיר נישט געהאט די מעגליכקײטן די קאנסטרוקטיװע ארבײט צו מאכן װײל מיר האבן נישט געהאט אײער אונטערשטיצונג. נאך לאנגע געשפרעכן מיט חבר נחמן, װען ער איז דא געװען, האבן מיר באשלאסן צו מאכן דעם איחוד. דאס איז נישט געגאנגען אן קרבנות. מיר האבן מקריב געװען דעם "ארגון העובדים" און װי עס האט זיך דערנאך ארױסגעװיזן איז אױך די רוקח-גרופע נישט מיטגעגאנגען. דאס איז זײער צום באדױערן אבער מיר זענען דאך דערין נישט שולדיג. און װען איהר האט צוליב דעם צו אונז טענות, מוז איך זיך פרעגן, "אם כן למה זה אנוכי" רוקח'ן אין זײן גרופע האבן מיר דאך געהאט אין "ברית". איך שרײב דאס װעגן די בריף װאס קומען פון אײך אין דעם ענין. אודאי װאלט געװען גאנץ גוט, װען די מענטשן זאלן זײן אקטיװ אין דער פארטײ, אבער זײ זענען עס נישט און נישט מיר זענען שולדיג. דער אמת איז, אז זײ זענען דאס אױך קײנמאל נישט געװען, עס איז דאך קײן צופאל נישט װאס אין משך פון לאנגע יארן זענען זײ קײנמאל נישט געװען אויף קײן קאנגרעסן און האבן נישט געהאט פיל זין פאר דעם גאנצן ציוניסטישן ענין אין װעלט-מאסשטאב און װי שטײט דאס בײ אײך אין ענגלישן פסוק:
"You can bring a horse to the water but you can't make him drink"
איך װעל מיך זײער פרײען װען עס װעט עמיצן געלונגען צו ברענגען צו אזעלכע ענדערונגען אז זײ זאלן קענען אקטיװ ארבײטן אין דער פארטײ. װען מיר האבן געמאכט דעם איחוד, איז געװען אינזער פלאן אז מיר זאלן האבן אין דער פארטײ בײדע פליגלען, הן די גרופע רוקח און הן דעם "העובד-הציוני". אבער געקומען איז עס אנדערש, און מיר קענען זיך נישט יעצט ערקלערן באנקראט נאר מיר מוזן טראכטען פון די אנפענגע װעלכע מיר האבן, די זאך אזױ צו אנטװיקלען אז די בײדע זאלן ארײנקומען, װאו מיר װײסן אז אן דעם איז דער ענין פאראורטײלט צו בלײבן א קלײנע זאך.

דאס איז פונקט אזױ נוגע אױך דעם "העובד הציוני". װי עס געהט ביז איצט, אנטװיקלט זיך דער "העובד הציוני" אין דער ריכטונג פון א גאנץ באזונדערער פארטײ און דאס הײסט, אז די יונגערע דינאמישע כחות זענען א װעלט פאר זיך. איך האלט נישט אז אױף דעם װעג װעלן מיר װײט פארגעהן. די באמיאונגען פון אונזער זײט און פון אײער זײט דארפען זײן אז אלע זאלן זײן אין אײן פארטײ. איך װײס אז דאס איז נישט לײכט. איך קען די שטימונגען.

בנוגע דער קאנסטרוקטיװער ארבײט, מוז די באטײליגן אזױ ארױסגעבױט װערען אז די זאל ערפאסען װאס מעהר מענטשען. אײן טײל, א װיכטיגער טײל, איז באטײליגן די התישבות פון אונזערע חלוציש עלעמענטען אבער מיר מוזען געהן װײטער און מוזן שאפן אזעלכע אינסטיטוציעס װעלכע דער פשוטער ייד זאל קענען באטראכטען אז דאס האבן די אלגעמײנע ציוניסטען געשאפען פאר זײנעט װעגען. עס קענען זײן בתי-עולים, עס קענען זײן קאאפעראטיװען, שכונות פון שיכון, א ספעציעלער טיפוס מיט די קאלאניעס, איך מײן די נישט-לינקע קאלאניעס, װי מען װאלט געקענט פיל זאכן טוהן, אזױ אז אױך די מענטשען דארט, זאלן פיהלען אז דער אלגעמײנער ציוניזם קען זײ עפעס ביטען, איך געה אפילו װײטער און באהױפטער, אז אױב מיר װילען זיך אנטװיקלען מוזן מיר אינזער ארױפמערקזאמקײט װידמען אין א גרױסער מאס דער ארבײט אױפן גײסטיגן געביט. עס קען פאר אונז נישט זײן גלײכגילטיג װאס אין קײן שום סעמינאר װערען אין א"י נישט ערצױגען קײן לעהרער אין אונזער גײסט. דאדורך זענען מיר מקריב די יוגענד הן אין לאנד און אין א גרױסער מאס אױך אין גלות, כדי דאס צו ענדערען מוזן מיר ארױפבויען א לעהרער-סעמינאר, װידער נישט קײן לײכטע זאך אבער מיר װעלן דאס מוזען טוהן.

מעגליך אפילו אז מיר װעלן מוזן טראכטען װי אזױ צו מאביליזירען פריװאט-קאפיטאל װאס זאל געגעבען װערן נישט אלס תרומות אין זאל דאך קענען דינען דעם אלגעמײנעם ציוניזם. עס דאכט זיך מיר אז װען א ערנסטע גרופע מענטשען זאל ארױסארבײטען א פלאן פאר אינװעסטיציעס אין א"י װאלטען אין אמעריקא און אין אנדערע לענדער זיך געפינען פיעלע חברים װאס װאלטן אפשר א טײל פון זײער פארמעגען אינװעסטירט אין די אונטערנעמונגען. איך װײס אז דאס איז זײער א שװערע און פאראנטװארטליכע זאך אבער איך מײן אז מיר װעלן דאס מוזען טוהן, פריער אדער שפעטער. װײל, פארשטעהט איהר, אפילו מיט די געלדער װעלכע מיר האבן איצט ארױסציכטען פון אײך צו באקומען, קען מען דאך קײן גאנץ גרױסע זאכען נישט אױפטוהן און מיר האבן דאך א סך אײנצוהאלטען װאס איז פארנאכלעסיגט געװארען אין לאנגע יארען װען אלע. ציוניסטען האבן געקלערט אז עס איז זײער ארױפגאבע ארױסצובױען דעם "השומר-הצעיר", פועלי-ציון, אלע נאר נישט זיך אליין.

אזױ זעה איך די אנטװיקלונג. עס װעט זײן לײכטער װען אלע װעלן זײן אין דער פארטײ עס איז פיעל שװערער װען מיר זענען בלױז א קלײנע גרופע, אבער קײן אנדערער װעג איז נישטא.

<u>אינפארמאציעס.</u>

1) סילווער׳ס אויפטרעטן ביי "או"ם" האט דא געמאכט א זעהר-גוטען איינדרוק. אויך דאס זאפארטיגע רעאגירען אויף דער רעדע פון ב.ג. איז געווען גוט.

2) מיר האבען געהאט צרות מיט דעם ועד הפועל. איך פארשטיי אז פאר אייך איז בעסער אז דער ועד הפועל זאל פארקומען נאך אייער קאנווענשען, פון דער אנדערער זייט ווייס איך נישט וואס פאר א פנים מיר וועלען האבען פאר ועדת-חקירה ווען עס וועט נישט זיין קיין באשלאסענע ליניע מיט וואס מען געהט. פארהאנען אפילו אזעלכע וואס מיינען אז אין איצטיגער סיטואציע דארף די הנהלה אויף זיך נעמען דאס אחריות און אליין ערלעדיגען אזוי ווי זי פארשטייט, און וועט זי גוט ערלעדיגען, וועט מען איהר געבען אנערקענונג, וועט זי שלעכט ערלעדיגען, וועט מען זי אראפווארפען. דאס זאגט זיך אבער נאר אזוי. ווייל ערשטנס, איז דאך די ליטונג זעהר נישט איינהייטליך און זיי וועלען דאך געהן יעדער איינער מיט א עקסטערע ליניע און צווייטנס, וואס איז נאך וויכטיגער, נישט אלע וואך קומט א ועדת חקירה און ווען מען מאכט דא עפעס שלעכט, קען מען דאס נישט לייכט פארריכטען. אזוי אז דער ענין האט זיך פארלאנגט, עס זאל יא זיין א ועד הפועל פיידער די קאמיסיע קומט, און עס איז זעהר נישט גוט געשעהן, וואס די זיצונג איז נישט פארגעקומען דעם 28-טן מאי. קיינער פון אינז אבער, האט נישט געוואלט אז מיר זאלן געהן אויף א זיצונג אין וועלכע איהר וועט זיך נישט באטייליגען. מיר האבען אין דעם ענין געהאט א לאנגע שטורמישע זיצונג און האבען באשלאסען אז אויב עס וועט פון אייך קומען א ידיעה אז איהר קענט נישט קומען זאלן אונזערע מענטשען אלעס טוהן כדי די זיצונג זאל נישט פארקומען אבער מיר האבען צו אייך געהאט תרעומות פארוואס איהר האט אונז נישט אינפארמירט וואס איז אייער שטעלונג; צו קענט איהר קומען צו ניין, צו האלט איהר אז ווען איהר קומט נישט, זאלן מיר ערקלערען אז מיר באטייליגען זיך אויך נישט אדער זאלן מיר זיך יא באטייליגען. אין אזעלכע זאכען מוז זיין א קאנטאקט צווישען אונז. ניומאן׳ס טעלעגראם איז אנגעקומען ערשט דעם פרייטאג, 30.5, אביסעל צו שפעט, נאטירליך האט מען זאפארט אלעס געטוהן און אין דער גאנצער פרעסע האט זיך באוויזען באלד א ידיעה אז איהר קומט נישט און עס זענען אנ-געגאנגען טעלעגראמען צו אלע אונזערע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע, און עס איז אויך אפגעגאנגען א אפיציעלע מעלדונג פון מרכז צו דער עקזעקוטיווע אין ירושלים.

אין דער צוקונפט דארפט איהר אין אזעלכע פאלען רעכצייטיג אונז פארשטענדיגען וואס איהר קלערט.

3) אין דער לאנדעס-ארגאניזאציע איז, ווי איהר ווייסט זיכער, געווען א שטיקעל קריזיס וואס האט זיך געצויגען פון נאך דעם קאנגרעס ביז מיט א פאר טאג צוריק. דער קריזיס איז געווען אויפן שטח פון דער געוועזענער גרופע א, אין דער געוועזענער גרופע ב איז אזעלכע זאכען נישטא. דער קריזיס איז דערווייל ערלעדיגט געווארען אזוי אז אויפן ארט פון סבה איז געקומען אין פרעזידיום ראפאפארט. צו זענען דאדורך שוין ערלעדיגט אלע פראבלעמען וואס קענען פאראורזאכען א נייעם קריזיס ווייס איך נישט, דאס וועלען מיר זעהן.

איך וועל זיך באמיען אייך רעגעלמעסיג צו שרייבען.

וואס נוגע מיר פערזענליך, ווייסט איהר דאך אוודאי אז ניומאן האט מיר פראפאנירט איך זאל פארען קיין ארגענטינא איבערנעמען מבשן׳ס פלאץ. דא זענען אבער געווען צוויי סיבות צוליב וועלכע איך האב דאס נישט געטוהן. ערשטנס, האב איך נישט געהאלטען אז עס איז גלייך פאר מיר אוועקצופארען אויף א געוויסער צייט ווייט קיין דרום-אמעריקא און דערנאך, נאך א יאר צו נאך צוויי יאר, דארפן פונדאסניי זוכען אין א"י א ארבייטס-פלאץ. דאכט זיך שוין נישט קיין עסק פאר מיר, איך בין דאך שוין נישט קיין יונגערמאן. מעגליך ווען די איינלאדונג זאל געווען קומען קיין צפון-אמעריקא וואלט איך מיך געוועזן לייכטער אנטשלאסען אבער אגב געבען מאכען געאגראפישע פארשונגס-רייזען נישט האבענדיג געזיכערט קיין שום זאך אהין צוריק צו קומען האב איך געהאלטן פאר נישט גלייך. און ווען עס האבען זיך באוויזען געוויסע מעגליכקייטען איך זאל דא געפינען ערגיץ א ארבייטס מעגליכקייט האב איך געהאלטען פאר גלייכער צו בלייבען דא.

די צווייטע סיבה איז געווען די, וואס אין דער קרן-היסוד לייטונג האט מען מיר ערקלערט אז דא איז פשוט א מיספאסטענדניס, דער גאנצער ענין איז קיין ענין נישט ווייל מבשן געהט נישט אוועק. ווי איהר זעהט, האט יעדער פון די סיבות באזונדער געזאגט אז איך זאל נישט פארען.

עיקר שכחתי: עס זענען אהער אנגעקומען ידיעות וועגן דעם וואס בערנשטיין האט געשריבען צו אייך(דאכט זיך אין א בריף צו ניומאנען וועגן "העובד הציוני") ד"ר גאלדשטיין האט אפיציעל ארייגעשיקט א אפשריפט פון עפשטיין׳ס בריף צו אייך. איהר וועט דאך פארשטיין אז עס איז נישט גלייך אז אויף פון מיינע בריף צו אייך זאלן ענטשטעהן אזעלכע גלגולים און דאס הייסט אז איהר דארפט פארזיכטיג זיין. צום שלוס, בעט איך אייך, פאראדענט מען זאל מיר שיקען אייערע צייט-שריפטען - ענגליש און אידיש. הארציגע גרוסען

ROOM 600
41 EAST 42ND STREET
NEW YORK 17, N. Y.

NEW YORK
JUN 25'47
N. Y.
U.S. POSTAGE
05
PB METER
111155

AIR MAIL

WRHS
AMERICAN JEWISH ARCHIVES

Dr. Abba Hillel Silver
The Temple
Ansel Road
Cleveland, Ohio